בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

אחרי קדושים תשפ"א

גליון 39



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פּאַר אַלע לעכטיגע קינדער.**

מיר שטייען אין די הייליגע טעג פון ספירת העֹמר וואָס זיי זענען אַ הכנה מיט בענקשאפט צו באַקומען די הייליגע תורה פון דאַסניי. מיר האַלטן אויך פאַר פּסח שני און מיר שטייען שוין זייער נאָנט צום טאָג ל"ג בעֹמר. מיר ווילן פּראָבירן צו מקשר זיין דאס אַלעס צו די סדרה פון דער וואָך.

די הייליגע תורה הייבט זיך אָן אין פּרשת קדושים "וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר דַּבֵּר אֶל כָּל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" זאָגט די הייליגע רש"י אַז פון דעם וואָרט אֶל כָּל בְּנֵי" לערנט מען אַרויס אַז די פּרשה איז געזאָגט געוואָרן ווען גאַנץ כלל ישראל האָט זיך צוזאַמען גענומען אין איינעם ווייל "רוֹב גּוּפֵי תוֹרָה תְּלוּיִין בָּהּ" - אין די פּרשה שטעקט רוב מצוות פון די תורה און גלייך הייבט אָן די תורה זאָגן "קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ" "מוֹרָא האָבן פון אַ טאַטע מאַמע", היטן שבת; נישט דינען עבודה זרה א.אוו. דערנאָך זאָגט אָן די הייליגע תורה די מצוות שבין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, לֹא תִּגְנֹבוּ, וְלֹא תְכַחֲשׁוּ וְלֹא תְשַׁקְּרוּ אִישׁ בַּעֲמִיתוֹ, לֹא תַעֲשֹׁק, וְלֹא תִגְזֹל, לֹא תְקַלֵּל, לִפְנֵי עִוֵּר, לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּךָ. לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ, לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר, וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה'.

טייערע לעכטיגע קינדער, מיר אַלע ווייסן אַז אין די טעג פון ספירת העֹמר איז מען זיך נוהג אבלות אויף די פיר און צוואַנציג טויזנט תלמידים פון רבי עקיבא. זיי זענען געווען געוואַלדיגע גרויסע צדיקים אָבער זייער פּגם איז געווען אַז זיי האָבן נישט נוהג כבוד געווען איינער צום צווייטן און זיי האָבן נישט געזעהן איינער אויפן אַנדערן די מעלות און זיינע גוטע זאַכן, ביז ס'איז געוואָרן צווישן זיי אַ שנאה און זיי זענען נסתלק געוואָרן אין די טעג פון עֹמר.

די וועלט איז דאַן געוואָרן אינגאַנצן פינסטער און טונקל ביז רבי עקיבא איז געגאַנגען צו רבותינו שבדרום און האָט געמאַכט פינף נייע תלמידים, איינע פון זיי איז געווען רבי שמעון בר יוחאי. ער האָט זייער שטאַרק אָנגעזאָגט די תלמידים אויף אהבת חברים - ליב האָבן אַ חבר, דאס מיינט קוקן נאָר אויף די גוטס פון מיין חבר און חלילה נישט קוקן אויף זיינע חסרונות. אפילו ס'דאַכט זיך מיר אַז ער פירט זיך נישט ערליך, מיין זאַך איז זוכן אין אים נאָר נקודות טובות, אַזוי ווי ר' שמעון זאָגט אין זהר הקדוש: "אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא מִילְתָא" - אונז דאַרפן זיך ליב האָבן מיט די חברים אַז עס זאָל זיין צווישן אונז אהבת חברים.

דערפאַר האָט זיך ל"ג בעֹמר אָפּגעשטעלט די מגפה און ס'איז מער נישט נפטר געוואָרן פון די תלמידים. דאס איז איינע פון די גרויסע סודות פון די שמחה פון הייליגן טאָג ל"ג בעֹמר. איבער די גאַנצע וועלט פּראַוועט מען גרויסע הלולות (הלולא אויף אַראַמיש מיינט אַ חתונה. ווייל אין דער טאָג ווען ר' שמעון איז נסתלק געוואָרן האָט מען אויסגערופן: "אַלע זאָלן זיך מיט פרייען מיט די גרויסע שמחה פון ר' שמעון וואָס איז אָנגעקומען צו אַזעלכע מדריגות") ווייל די שמחה איז אַז ר' שמעון האָט אונז איבער געלאָזט אַזאַ גרויסע הייליגע ספר, דער ספר הזהר, דאָרטן איז באַהאַלטן געוואַלדיגע סודות ווי אַזוי צו דינען דעם אויבערשטן אין דעם ביטערן פינסטערן גלות.

עס שטייט אין זהר: "בְּזֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא בְּרַחֲמֵי - מיט דער הייליגער ספר הזהר וועלן מיר אַרויס גיין פון דעם גלות, מיט גרויס רחמים".

דער הייליגער אַר"י הק' האָט אויך אָנגעזאָגט

המשך אויף זייט 8

## די מערה פון דער ינוקא

צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג אוּן וֶועלְדֶער אִין גָּלִיל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, גֶעפִינֶען זִיךְ אַסַאךְ אַלְטֶע מְעָרוֹת פוּן קִבְרֵי צַדִּיקִים, הֵיילִיגֶע תְּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים לִיגְן דָארְט בַּאעֶרְדִיגְט אִין מְעָרוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען אִין יֶענֶע צַייטְן. אַסַאךְ בַּאקַאנְטֶע מְעָרוֹת אִיז דָא וָואס אִיז זֵייעֶר בַּאוואוּסְט, אַזוֹי וִוי דֶער צִיּוּן פוּן דֶעם תַּנָּא הַקָּדוֹשׁ ר' שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, וָואס אִין אֶמֶת'ן לִיגְט עֶר בַּאעֶרְדִיגְט אִין אַ מְעָרָה, נָאר מִיט דִי יָארְן הָאט מֶען פַארְמַאכְט דִי מְעָרָה אוּן גֶעבּוֹיעֶט אִיבֶּער דֶעם אַ בִּנְיָן מִיטְן צִיּוּן אַזוֹי וִוי מִיר קֶענֶען דָאס הַיינְט. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז פַארְהַאן דִי מְעָרָה פוּן הִלֵּל הַזָּקֵן אוּן נָאךְ פִיל הֵיילִיגֶע קְבָרִים, וואוּ אַסַאךְ אִידְן פְלֶעגְן קוּמֶען דָארְט מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן פוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

אֵיין מְעָרָה אִיז גֶעוֶוען, וָואס אַ גְרוֹיסֶע בּוֹים אִיז גֶעוַואקְסְן אִיבֶּער אִיר, קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט דָארְט צוּצוּטְרֶעטְן. אִין מְעָרָה אִיז גֶעוֶוען בַּאעֶרְדִיגְט אַ "יְנוּקָא" (ד.מ. אַ יוּנְגֶער קִינְד), נָאךְ פוּן דִי צַייטְן פוּן ר' שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיף דֶער יְנוּקָא, דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער יְנוּקָא אִיז גֶעוֶוען דָאס קִינְד פוּן ר' הַמְנוּנָא סָבָא, אַוַודְאַי וָואלְט גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ בַּיי אַזַא הֵיילִיגֶער צִיּוּן צוּ תְּפִלָּה טוּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דָאךְ הָאבְּן זִיךְ דִי אִידְן אִין יֶענֶע צַייט זֵייעֶר גֶעהִיט נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין דָארְט, אוּן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דִי מְעָרָה וִוי פוּן אַ שְׁרֶעקְלִיכְן גֶעפַאר, מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן רֶעדְן אַז אַ גִיפְטִיגֶער שְׁלַאנְג דְרֵייט זִיךְ אִין דִי מְעָרָה, אוּן וֶוער עֶס גֵייט דָארְט אַרַיין, וֶוערְט עֶר גְלַייךְ פַארְגִיפְטֶעט צוּם טוֹיט ל"ע, דֶערִיבֶּער הָאט יֶעדֶער בַּר דַּעַת, זִיךְ גֶעהִיטְן נִישְׁט צוּצוּגֵיין בִּכְלָל צוּ דִי מְעָרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין זַיין הֵיילִיגֶע נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער גֶעדוּנְגֶען אֵייזְלֶען אוּן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אַלֶע הֵיילִיגֶע קְבָרִים אוּן מְעָרוֹת אִין גְלִיל. וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מְעָרָה פוּן ר' שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דִי אִינְגֶעלַייט עוֹסֵק זַיין מִיט תְּפִלָּה אוּן לִמּוּד הַזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, יֶעדְן שְׁטִיקְל צַייט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעקוּמֶען צוּ זַיין בַּאגְלֵייטֶער אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַשְׁרֶיךָ וואוּיל אִיז דִיר..", בַּיינַאכְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרוּם אִין דִי צִימֶערְן אוּן בַּאפוֹילְן זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען זֹהַר א.ד.ג. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט זִיךְ נָאר אַרוּמְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעזוּנְגֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה בִּיז דֶער טָאג הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן טָאג הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעטוּן טַלִּית אוּן תְּפִלִּין אוּן גֶעדַאוְונְט עֶטְלִיכֶע שָׁעָה. פוּן דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מְעָרָה פוּן הִלֵּל אוּן גֶעזָאגְט קַאפִּיטְל ל"ג אוּן ל"ד, דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ, דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן בַּארְג צוּם קֶבֶר פוּן שַׁמַּאי, אוּן פוּן דָארְט צוּ נָאךְ קְבָרִים. דִי מְעָרָה פוּנֶעם תַּנָּא רַבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף אַ הוֹיכְן בַּארְג, דִי אֵייזְל אוֹיף וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶערִיטְן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיפְגֵיין אַזַא שְׁוֶוערֶע בַּארְג, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּנֶעם אֵייזְל, אוּן הָאט זִיךְ אַלֵיין גֶעדְרַאפֶּעט מִיט דִי הֶענְט אוּן פִיס אוֹיפְן שְׁוֶוערְן בַּארְג צוּזַאמֶען מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער, כְּדֵי צוּ אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן מְעָרָה, דָארְט הָאט עֶר גֶעדַאוְונְט אוּן זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְגֶעהַאלְטְן שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ נָאךְ אַ מְעָרָה.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מְעָרָה פוּן דֶעם "יְנוּקָא" זֶענֶען אַלֶע







**בילד: קבר התנא רבי כרוספדאי, מערת ר' המנונא סבא, מערת הלל הזקן**

מענטשן געבליבן שטיין, זיי האבן דערציילט דעם רבי'ן וועגן די שמועה וואס דרייט זיך איבער דעם גיפטיגן שלאנג וואס געפינט זיך אינעם מערה, דער רבי האט צוגעהערט וואס זיי זאגן אבער ער האט דאך געוואלט יא אריינגיין אין די מערה! דער רבי איז געווען דער ערשטער אריינצוגיין אין די מערה, ער האט אויפגעוויזן פאר אלעמען אז עס איז נישט דא קיין שום שלאנג וואס קען שלעכט'ס טוהן, שפעטער זענען אריין אויך אלע אנדערע מענטשן אין מערה, נאך לאנגע יארן וואס קיינער האט זיך נישט געוואגט צוצוגיין צו די מערה, האבן שוין אידן געקענט קומען דאווענען אין די מערה פון דעם ינוקא אן קיין שום שרעק.

(שבחי הר"ן סדר נסיעתו לא"י)

# מיין מעשה'לע



פאריגע וואך האב איך פארציילט אז נאך דריי יאר פון רצונות צו פארן צום הייליגן רבי'נס ציון האב איך שוין טאקע זוכה געווען אנצוקומען פאריגע וואך ערב שבת צום ציון פון הייליגן רבי'ן. די ערשטע זאך נאכן אראפלייגן די פעקלעך זענען מיר געלאפן צום ציון זאגן דעם תיקון הכללי.

מיין טאטע האט נישט מיטגענומען קיין עסן פאר די סעודת שבת מיטן חשבון אז ער וועט קויפן דארט אין אומאן ביי איינע פון די האטעלן מיט א גוטער הכשר. ער האט נישט געוואלט זיין פארנומען אין די קורצע צייט צו קאכן עסן, כדי ער זאל האבן גענוג צייט צו מתפלל זיין ביים ציון. למעשה אנקומענדיג דארט האבן זיי פונקט די וואך נישט געווען געוואלט ארויסגעבן קיין עסן.

מיר האבן געהאט איבערגעבליבן פון די נסיעה א טאנא סענדוויטש מיט א שטיקל פלייש פון נאכטמאל, האט מיין טאטע אויסגערופן: "שוין, פיש און פלייש האבן מיר שוין אויף שבת..."

מיר זענען געגאנגען צום הייליגן ציון מתפלל זיין אז מיר זאלן בלייבן מיט די ישוב הדעת און אמונה אז מיר וועלן בעז"ה האבן א שיינע שבת מיט שפע,

"אויף שבת ווועט זיין אבער ווי נעמט מען דעם שבת אליין - דעם צדיק אליין...?"

מיין טאטע גייט ארויס פון ציון אויפן וועגן אהיים צו די אכסניא, טרעפט ער זיין חבר וואס שטייט איין צווויי שטאק העכער אונז, מיין טאטע גיט אים א פרעג וואו ער עסט, זאגט ער אז ער האט מיטגעברענגט א שפע פון רויע צוגעהער, צו קענען צושטעלן דעם שבת און זיכער האט ער גענוג פאר אונז אויך. מיין טאטע איז מיט אים אריבער איינקויפן די לעצטע זאכן וואס האט נאך אויסגעפעלט צו קענען צושטעלן דעם שבת.

אנגעהויבן פון פרייטאג טועמיה ביז נאך מלוה מלכה האט די טיר נישט אויפגעהערט צו קלאפן ווען ביים טיר שטייט דער גוטהארציגער חבר מיט פולע שיסלעך, טעלערס און טעפ אנגעפילט מיט הייסע / קאלטע היימישע מאכלים וואס האט געהאט אלע טעמים. עס האט אונז ב"ה גארנישט געפעלט מיר האבן געהאט דעם "שבת" און אויך דעם "שבת-אליין"!

עס איז געווען אינטערסאנט אז מיין טאטע האט געפלאנט צו איינשטיין אין אן אנדערע דירה וואו ער איז שוין איינמאל איינגעשטאנען, ער האט געקלינגען דעם בעל הבית איינמאל און נאכאמאל, אבער ער האט נישט אויפגעהויבן. בלית ברירה האט מיין טאטע גענומען אן אנדערע דירה וואס איז פונקט אויסגעקומען צוזאמען מיט דעם חבר.

**פינף מינוט צייט**
**א *מעשה'לע* פון רבי'נס לייט**

צו הערן די מעשה און ארייגגיין אין גורל
קלינגט אין טעל-ליין און דריקט נומער 2 2

אויב דו האסט פארציילט די מעשה ביים שבת טיש
קענסטו אריין אין גורל דורך דריקן 223

דער געווינער אויף די ענטפערס פון די קארטלעך אינעם 'פסח ליכט' איז
**חיים ברוך ווייצהנדלר**
**בית שמש**

דער געווינער פאר די וואס האבן זיך איינגעשריבן אין חו"ל טעל-ליין איז
**משה נתן סאנדער**
**קרית יואל**

בעזהשי"ת

# א פאַרכטיגע תפילה אויף ל"ג בעומר

תפילה נוראה ממורינו הרב הקדוש רבי **נתן מברסלב** זיע"א מתוך ספר לקוטי תפלות ח"ב תפלה מ"ז
מתורגם לשפת אידיש בשנת תרפ"ז ע"י הרה"ח ר' שמואל הורוויץ זצ"ל

**אלע קינדער וואס וועלן זאגן די תפלה ביז נאך ל"ג בעומר וועלן אריינגיין אין א גורל,**
**אויב די האסט געזאגט די תפלה, זאג אריין קלאר דיין נאמען און טעלעפאן נומער אין טעל-ליין אויף קנעפל 7**

רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, **עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית**. בּוֹצִינָא קַדִּישָׁא, בּוֹצִינָא עִילָּאָה, בּוֹצִינָא רַבָּא, בּוֹצִינָא יַקִּירָא. הֵיילִיגֶע לִיכְט, גְרוֹיסֶע לִיכְט, אוֹיבֶּערְשְׁטֶע לִיכְט. אִיר הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר אוּנְז אִידְן, אַז דוּרְךְ אַיְיךְ וֶועט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן אוּנְז אִידְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, וָוארוּם [וַוייְל] דוּרְךְ אַייעֶר הֵיילִיגֶער 'זֹהַר הַקָּדוֹשׁ' וֶועלְן מִיר אִידְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן אֲפִילוּ אִין דֶער שְׁטַארְקֶער 'הַסְתָּרָה', ד.ה. פַארְהוֹילֶענִישׁ אוּן פַארְבָּארְגֶענִישׁ, גָאר אִין דִי לֶעצְטֶע טֶעג 'בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא' אִין מָשִׁיחַ'ס צַייטְן, הָאט אִיר צוּגֶעזָאגְט אַז פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶועט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה, וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד, כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'.

**אוּן אָט אַצִינְד** זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי בִּיטֶערֶע צַייטְן, דִי לֶעצְטֶע טֶעג, וָואס מִיר הָאבְּן אִין זַיי נִישְׁט קֵיין וִוילְן, וָוארוּם [וַוייְל] דֶער בִּיטֶערֶער גָלוּת אוּן דֶער גְרוֹיסֶער שִׁעְבּוּד הָאט זִיךְ אוֹיף אוּנְז אַרוֹיפְגֶעצוֹיגְן, אוּן זִיךְ זַייעֶר פַארְלֶענְגֶערְט אוּן פַארְשְׁטַארְקְט, אוּן פוּן טָאג צוּ טָאג וֶוערְן מִיר אַלְץ שְׁוַואכֶער אוּן אָרִימֶער, אוּן מִיר גֵייעֶן אַלְס וָואס נִידְרִיגֶער, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שׁוּם קְרַאפְט, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שְׁטַארְקֶער אוּן קֵיין מִיטְהֶעלְפֶער, מִיר זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן אַזוֹי וִוי יְתוֹמִים אָן אַ פָּאטֶער, אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן פַאר אוּנְז.

**אוּן יֶעצְט** אִין דֶעם עֶנְדֶע [פוּנֶעם] שְׁטַארְקְן בִּיטֶערְן גָלוּת, אוּן עֶס הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שַׁיינֶען דָאס 'הִתְנוֹצְצוּת מָשִׁיחַ' פוּן דֶעם גֶעטְלִיכְן הֵיילִיגְן **הָאֲרִ"י** הַקָּדוֹשׁ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אוּן מִיר דַיין פָאלְק גְלוֹסְטְן אוּן בֶּענְקֶען זַייעֶר צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַלֶע גַארְן אוּן וִוילְן דִיךְ דִינֶען רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מִיט זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט אוּן אַ שְׁרֶעקְלִיךְ גְלוּסְטִיגְקֵייט, וָואס אַזֶעלְכֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אֲפִילוּ גָאר אִין פְרִיעֶרְדִיגֶע צַייטְן, 'הֱקִיצוֹתִי וְעוֹדִי עִמָּךְ', כָאטְשׁ אִיךְ בִּין שׁוֹין גָאר בַּיים עֶק פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הַאלְט אִיךְ מִיר נָאר אִין דִיר, אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּגֶעקוּמֶען בִּיזְן סוֹף פוּן אַלֶע דוֹרוֹת אוּן מִיר זֶענֶען נָאךְ מִיט דִיר, אוּן מִיר זֶענֶען נָאךְ אָנְגֶעהַאלְטְן אוּן אָנְגֶעקְלֶעפְּט אִין דִיר, מִיר גְלוּסְטְן נָאר דִיר צוּ דִינֶען בִּיז דֶעם לֶעצְטְן חִיוּת, בִּיז 'כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ' מַמָּשׁ.

**אָבֶּער** אוּנְזֶער גְרוֹיס דֶערְוַוייטֶערְטְקַייט פוּן דִיר אִין דִי צַייטְן אִיז אוֹיךְ אָן אַ שִׁיעוּר, מִיר זֶענֶען אַזוֹי וִוי אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע אַיינְגֶעזִינְקֶען, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין

אָרְט וִוי צוּ בְּלַייבְּן שְׁטֵיין, מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי טִיפֶע וַואסֶערְן אוּן דִי שְׁטְרָאמֶען הָאבְּן אוּנְז פַּארְפְלֵייצְט. אוּן קוּק אוּן זֶעה דַיין פָּאלְק אִידְן וִוי צוּשְׁלָאגְן צוּ'הַרְגֶ'עט אוּן ווִי גֶעדְרוּקְט זֵיי זֶענֶען, וָואס אִיז אוּמֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן אוּן אַרוֹיס דֶערְצֵיילְן וִוי וַוייט דֶער שָׂטָן דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייצְט אִין אוּנְז, בִּיז עֶר הָאט אוּנְז זַייעֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן. אוּן צוּם אֱמֶת'ן טַאקֶע, אִיךְ מִיט מַיין גְרוֹיס אָרֶעמְקַייט מִיט גְרוֹיס נִידֶערִיגְקַייט, וֶוער בִּין אִיךְ וָואס זָאל דֶערְצֵיילְן צָרוֹת יִשְׂרָאֵל, טַאקֶע נָאר אִיר אַלֵיין וֵוייסְט גוּט דֶעם גַאנְצְן אִידִישְׁן מַצָּב אִין דִי לֶעצְטֶע צַייטְן אִין עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא. נָאר אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פַאר מִיר שְׁרַייעֶן אוּן אוֹיסְרֶעדְן מַיין הַארְץ אוֹיף מַיינֶע שְׁטַארְקֶע וַוייטְקַייט פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּן אוֹיף מַיינֶע שְׁטַארְקֶע פְּגָמִים, אוּן מַיינֶע פִיל עֲוֹנוֹת חֲטָאִים וּפְשָׁעִים, וָואס אִיךְ הָאבּ נֶעבֶעךְ אַסַאךְ פּוֹגֵם גֶעוֶוען אוּן גֶעזִינְדִיגְט פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּן אוֹיף דָאס אַלֶעס וֵויין אִיךְ, אוּן מַיינֶע אוֹיגְן גִיסְן טְרֶערְן. וָוארוּם אִיךְ וַוייס נִישְׁט קֵיין וֶועג זִיךְ צוּרִיק אוּמְצוּקֶערְן דֶעם כֹּחַ פוּן דֶער קְדֻשָּׁה, אוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טוּהן תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אוּן וִוי אַזוֹי, מִיט וָואס פַאר אַן אֹפֶן, זָאל אִיךְ אָנְהֵייבְּן פַארְלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן מַיינֶע מִיאוּסֶ'ע גֶעדַאנְקֶען, אוּן וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין פַארֶעכְטְן אַזֶעלְכֶע פַארְבְּרֶעכְן קִלְקוּלִים וּפְגָמִים, אִיךְ וַוייס מַמָּשׁ נִישְׁט וואוּהִין צוּ קוּמֶען, וואוּהִין פַארְפִירְן [אַוֶועקְפִירְן] מַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע שַׁאנְדֶע, וואוּהִין אַנְטְלוֹיפְן, וואוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן פַאר מַיין גְרוֹיס בּוּשָׁה אוּן חֶרְפָּה. אוֹי, וָואס אִיז מִיר אַזֶעלֶעכְס גֶעשֶׁעהן.

**דֶערְפַאר** טְרַאכְט אִיךְ מִיר, אִיךְ וֶועל מַיין בִּיטֶער הַארְץ מִיט גֶעוֵויין אוֹיסְרֶעדְן, אוּלַי יָחוֹס אוּלַי יְרַחֵם, אֶפְשַׁר וֶועט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ פָּארְט רַחְמָנוּת הָאבְּן, וָוארְן פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז נִישְׁט קֵיין אָפְּהַאלְט צוּ הֶעלְפְן אֲפִילוּ מִיר אִין דֶער צַייט, וָוארוּם פִיל יְשׁוּעוֹת אוּן הַצָּלוֹת אִיז [פַארְהַאנֶען] בַּיי אִים צוּ הֶעלְפְן, וִוי דֶער פָּסוּק שְׁרַייבְּט 'הֵן כֹּל תּוּכָל', דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קֶענְסְט אַלֶעס, 'וְלֹא יִבָּצֵר מִמְּךָ מְזִמָּה', אוּן וֶוער קֶען דִיר אַ דֵעָה זָאגְן וָואס דוּ ווִילְסְט טוּהן.

**אוּן דֶערְפַאר** טַאקֶע בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען פַאר אַייךְ וִוי דֶער אָרֶעמַאן בַּיי דֶער טִיר, וִוי דֶער גְרֶעסְטֶער דַל וְאֶבְיוֹן. אָרֶעם, גֶעפְלָאגְט, גֶעפַּיינִיגְט, גֶעמוּטְשֶׁעט, צוּמִישְׁט, אוּן פַארְוֵויטָאגְט, בִּין גֶעקוּמֶען שְׁרַייעֶן אוּן שְׁרַייעֶן פַאר אַייעֶר שֵׁיינֶע הֵיילִיגְקַייט.

רַבִּי רַבִּי רַבִּי, פָּאטֶער פָּאטֶער, הֵיילִיגֶע רַבִּי, ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, בַּאשִׁיצֶער פוּן אִידְן, דִי שַׁיין, דִי לִיכְט פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה. הֵיילִיגֶער רַבִּי, גֶעוַואלְד, וָואס שְׁוַוייגְט אִיר, דֶערְוֶועקְט אַייךְ. גֶעוַואלְד, וִוי קֶענְט אִיר אַזוֹי פִיל לַיידְן אוּן פַארְטְרָאגְן 'צָרוֹת יִשְׂרָאֵל' אִידִישֶׁע צָרוֹת. שְׁטֵייט אוֹיף, אוּן וֶועקְט זִיךְ אוֹיף מִיט אַלֶע אֱמֶתֶ'ע צַדִּיקִים, צוּ קוּקְן אוּן זֶעהן אִין שְׁטַארְקְן בִּיטֶערְקַייט פוּן 'צָרוֹת נַפְשֵׁנוּ'. אִיר 'שׁוֹכְנֵי עָפָר', וַואכְט זִיךְ אוֹיף, אִיר הֵיילִיגֶע 'אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים' פוּן מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה, שְׁטֵייט אוֹיף אוּנְז צוּ הֶעלְפְן. 'צַדִּיקֵי יְסוֹדֵי עוֹלָם', וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אִין אַייעֶר זְכוּת, שְׁטֵייט אוֹיף אוּנְז צוּ הִילְף אִין דֶער עֵת צָרָה, הָאט רַחְמָנוּת אוּן דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוֹיף אוּנְז אוּן אוֹיף דֶעם גַאנְצְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן צְווִישְׁן זֵיי אוֹיף מִיר זִינְדִיגֶער חוֹטֵא וּפָגוּם, וָואס אִיז פוּל מִיט זִינְד פוּן קָאפּ בִּיז צוּ דִי פִּיס.

**אִיר וֵוייסְט** גוּט דִי אַלֶע יִסוּרִים, דִי אַלֶע צָרוֹת וָואס אִיז אוֹיף אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַייט מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת בִּיז אִיצְט, אַלֶעס וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם גַאנְצְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן אוֹיךְ אוֹיף יֶעדֶעם בַּאזוּנְדֶער, וּבִפְרָט וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף מִיר, 'מִיּוֹם שֶׁנֶּאֶצְלוּ וְנִבְרְאוּ וְנוֹצְרוּ וְנַעֲשׂוּ נִשְׁמָתִי וְרוּחִי וְנַפְשִׁי וְגוּפִי', פוּן וֶוען אָן מַיין נְשָׁמָה אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אוּן אַלֶעס וָואס אוֹיף מִיר אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין יֶעדְן גִלְגוּל וְגִלְגוּל, וּבִפְרָט וָואס אוֹיף מִיר אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם עוֹלָם, אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ עוֹבֵר גֶעוֶוען פוּן זַייט אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג, וָואס אִיךְ גֶעדֶענְק אוּן וָואס עֶס אִיז שׁוֹין פוּן מִיר פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן.

**אִיז דֶען מֶעגְלִיךְ** אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן אוּן אַרוֹיס דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס-וָואס פוּן דִי עֲבֵרוֹת, פוּן דִי פְּגָמִים וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען נָאר אִין אֵיין טָאג, וואו דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי פְּגָמִים גְרֵייכְן אוּן רִירְן אָן, וואו זֵיי רִירְן אָן אִין מַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת אִין דִי אַלֶע פְּגָמִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אִין אַלֶע טָאג וָואס זֶענֶען אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער זַייט אִיךְ לֶעבּ בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג, (וּבִפְרָט דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ'). וֶוער קֶען אוֹיסְדֶערְצֵיילְן, וֶוער קֶען מְשַׁעֵר זַיין, וָואס זָאל אִיךְ מִיךְ בַּאקְלָאגְן, אוּן וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ מִיךְ גֶערֶעכְט מַאכְן.

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** גֶעבּ אַרַיין אִין הַארְץ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן פָּארְכְטִיגְן צַדִיק (וָואס עֶר רוּהט דָא), אוּן אִין הַארְצְן פוּן אַלֶע אֱמֶת'עֶ צַדִיקִים, זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַארְבָּארְגְן זַייעֶר פָּנִים פוּן מִיר, אוּן זָאלְן זִיךְ שְׁטֶעלְן פַאר מִיר פַאר מְלִיצֵי יוֹשֶׁר, [זֵיי] זָאלְן זִיךְ קֶערְן אִין מַיין זְכוּת, אוּן זוּכְן אוּן גֶעפִינֶען אִין מִיר גוּטֶע זְכוּתִים, אוּן זָאלְן מַמְלִיץ זַיין גוּטְס פַאר מִיר, אַז דוּ זָאלְסְט מִיר מִיט דַיין רַחְמָנוּת מְקָרֵב זַיין מִיט גְרוֹיס דֶערְבַּארֶעמְקַייט צוּ דִיר, אוּן זָאלְסְט מִיר אַרַיינְגֶעבְּן אַ נַייעֶ גוּטֶע הַארְץ אוּן אַ נַייעֶם רָצוֹן אַ שְׁטַארְקְן דִיר צוּ דִינֶען, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין פוּן יֶעצְט אָן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן, אוּן אִיךְ זָאל מִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ דִיר בֶּאֱמֶת מִיט דֶעם גַאנְצְן הַארְץ.

**גֶעוַואלְד**, אַלֶע וָואס [זֶענֶען] אִין הִימְל, שְׁרֵייעֶט אוּן בֶּעהט פַאר מִיר, אַלֶע 'בַּעֲלֵי רַחֲמִים' דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוֹיף מִיר דֶעם אַיינְגֶעזוּנְקֶענֶעם אִין טִיפֶע בְּלָאטֶע אָן אַן אָנְהַאלְט.

**רַבִּי, ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי**, גֶעדֶענְקְט דָאס גוּט אוּן דֶערְמַאנְט אַייךְ, וָואס טַאקֶע אִין דִי דוֹרוֹת הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן אַייעֶר וואוּנְדֶערְלִיכֶע פָּארְכְטִיגֶע גְרוֹיסְקַייט, וִוי אַזוֹי עֶס אִיז מְרֻמָּז אוּן אָנְגֶעוואוּנְקֶען אִין דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה אַז דוּרְךְ אַייךְ וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, אוּן טַאקֶע פוּן דֶעם פָּסוּק וָואס אִיר בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָה, דֶער פָּסוּק 'כִּי **לֹא** תִשָּׁכַ**ח** מִפִּי זַרְעוֹ', דִי סוֹף וֶוערְטֶער זֶענֶען אוֹתִיּוֹת '**יוֹחָאִי**', אַייעֶר פָּאטֶערְס נָאמֶען. אוּן אַייעֶר הֵיילִיגֶער נָאמֶען אִיז מְרֻמָּז אִין פָּסוּק '**עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית**', וָואס נָאר אִיר אַלֵיין וֵוייסְט דֶעם סוֹד פוּן דִי וֶוערְטֶער, אִיר אַלֵיין וֵוייסְט דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן דֶער הַבְטָחָה וָואס אִיר

הָאט מַבְטִיחַ גְעֶוֶועְן [פַאר דִי] אִידְן, אַז דִי תּוֹרָה וֶועט פוּן זֵיי נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, אוּן ווִי טַאקֶע משֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט נָאךְ פְרִיעֶר אוֹיף דֶעם נְבִיאוּת גֶעזָאגְט אִין דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה.

עַל כֵּן בִּין אִיךְ יֶעצְט גֶעקוּמֶען דִיר דָא דֶערְמַאנֶען, הֵיילִיגֶער רַבִּי, רַבּוֹתַי הַקְּדוֹשִׁים, הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוֹיף מִיר, אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָאר דִי שְׁלֶעכְטְץ אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן פוּן זַייט אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן בִּיז אִיצְט, סַיי 'בְּמַחְשָׁבָה' אִין דִי גֶעדַאנְקֶען, סַיי 'בְּדִבּוּר', סַיי 'בְּמַעֲשֶׂה', וָואס אִיךְ הָאבּ ווִידֶערְגֶעשְׁפֶּענִיגְט קֶעגְן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אִיר זָאלְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט בַּאגֵיין מִיט מִיר וֶועדְלִיג [לוֹיט] מַיינֶע זִינְד, אוּן אִיךְ זָאל אִין אַייעֶרֶע אוֹיגְן נִישְׁט פַאר'מִיאוּס'ט וֶוערְן פַארְוָואס מֶען וֶועקְט מִיר מִיט טוֹיזֶנְטֶער צֶעהְן-טוֹיזֶנְטֶער רְמָזִים אוּן הִתְעוֹרְרוּת, אוּן מִיט כַּמָּה מִינֵי רִיכְטִיגֶע עֵצוֹת, אַלֶע טָאג אוּן אַלֶע וַוייל, אַז אִיךְ זָאל מִיר מְקַרֵב זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּן אִיךְ מִיט מַיין שְׁטַארְקְן הַאלְז אוּן גֶענַאק הָאבּ אִיךְ דָאס אַלֶעס פּוֹגֵם גֶעוֶוען אוּן קַאלְיֶע גֶעמַאכְט, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ דֶעם אַלֶעמֶען.

הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט וֶוענְדְן צוּ דָאס אַלֶעס, צוּ אַלֶע פְּגָמִים וְקִלְקוּלִים, אוּן עֶס זָאל אַייךְ אוֹיף מִיר נִישְׁט פַארְדְרִיסְן, נָאר אִיר זָאלְט קְלֶערְן מַחֲשָׁבוֹת אוּן עֵצוֹת פוּן יֶעצְט אָן, אַז אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁטוֹיסְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן פוּן אַייךְ, וָוארוּם פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז אִיצְט אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין אָפְּהַאלְט מִיר צוּ הֶעלְפְן, אֲפִילוּ אִין דִי צַייט.

וָוארוּם אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ נָאר מִיט'ן מוֹיל אַלֵיין, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ נָאר פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וָואס עֶר הָאט זַיין חֶסֶד וֶאֱמֶת פוּן מִיר נִישְׁט פַארְלָאזְט, אוּן הָאט מִיר גֶעגֶעבְן כֹּחַ צוּ רֶעדְן דִי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער. אוּן טַאקֶע אוֹיף דֶעם פַארְלָאז אִיךְ זִיךְ, אַז אִיר וֶועט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת הָאבְן, אִיר וֶועט אַזֶעלֶעכְס טְהוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּרִיקְקֶערְן זִיךְ בֶּאֱמֶת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, (אוּן קוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִינְגִיכְן בְּשָׁלוֹם, אוּן דָאס אַלֶעס אוּן נָאךְ מֶער זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ אוֹיף אַייעֶר הֵיילִיגְן צִיוּן).

אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט זַיין רַחְמָנוּת וֶועט אַייעֶר תְּפִלָּה אוֹיסְהֶערְן, אוּן אִין אַייעֶר זְכוּת וֶועט עֶר מִיטְהֶעלְפְן מִיר מִיט כָּל יִשְׂרָאֵל, אוּן וֶועט אוּנְז צוּ זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן אִינְגִיכְן בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אוּן וֶועט אוּנְז גֶעבְן זִיךְ הַאלְטְן, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן בְּשׁוּם אוֹפֶן, בִּיז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּרִיקְקֶערְן זִיךְ צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, אוּן זַיין ווִי זַיין גוּטֶער ווִילְן, פוּן אִיצְט בִּיז אֵייבִּיג, אוּן בַּיי מַיין לֶעבְן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, מִיט דֶעם כֹּחַ אוּן אִין זְכוּת פוּן אַלֶע אֱמֶת'ֶע צַדִיקִים, וָואס נָאר אוֹיף זֵיי אַלֵיין בִּין אִיךְ זִיךְ סוֹמֵךְ צוּ רֶעדְן דִי וֶוערְטֶער פַאר זֵיי אוּן פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים עֶר וֵוייסְט אַלֶע בַּאהֶעלְטֶענִישְׁן, "הַשֵּׁם יִגְמוֹר בַּעֲדִי, הַשֵּׁם חַסְדְּךָ לְעוֹלָם מַעֲשֵׂי יָדֶיךָ אַל תֶּרֶף. הוֹצִיאָה מִמַּסְגֵּר נַפְשִׁי לְהוֹדוֹת אֶת שְׁמֶךָ, בִּי יַכְתִּירוּ צַדִיקִים כִּי תִגְמֹל עָלָי".

יצא לאור מחדש מגנזי הר"ר שמואל אברהם תפילינסקי שליט"א, בהשתדלות הר"ר יוסף מענדל האס ני"ו, ותשוחח"ל.

לאמיר זיך פארהערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## ״שיחות נאך סיפורי מעשיות״

**א. וואס דערציילט אונז דער רבי? אז ס׳איז געווען א צדיק וואס ס׳איז געפאלן אויף אים?**
- ❑ עצבות - טרויער
- ❑ כבדות - שווערקייט
- ❑ עצבות וכבידות גדול - א גרויסע טרויער און שווערקייט

**ב. וואס האט אים דער בעל דבר געטראפן אין יעדע שמחה?**
- ❑ עצבות
- ❑ גאווה
- ❑ שקר

**ג. וואספארא שמחה האט ער ביים סוף געטראפן וואס איז נישט געלונגען פאר׳ן בעל דבר עס צוצושטערן?**
- ❑ אז ער האט געטוהן א גרויסע מצווה
- ❑ אז ער האט געלערנט אסאך שעות
- ❑ אז דער בעשעפער האט אים נישט געמאכט א גוי – שלא עשני גוי

**ד. צו וועלכע שמחה איז דער צדיק אנגעקומען דורך דעם?**
- ❑ צו די שמחה פון א חתונה
- ❑ צו די שמחה וואס משה רבינו האט געהאט ביי מתן תורה
- ❑ צו די שמחה וואס משה רבינו האט געהאט ווען ער האט מקבל געווען די לוחות

**ה. וואו ווייט איז דער צדיק געפלויגן אין די היכע וועלטן בשעת ער איז געווען פרייליך?**
- ❑ ווי איין האר
- ❑ ער האט זיך בכלל נישט גערירט
- ❑ אפאר טויזענטער מייל

**ו. איז דער צדיק אראפ די זעלבע וועג וואו ער איז ארויף?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ דער רבי רעדט נישט דערפון

**ז. צו וואו איז דער צדיק אנגעקומען ווען ער איז אראפ דא אויף דער וועלט?**
- ❑ פונקט צו די זעלבע פלאץ וואו ער איז פריער געווען
- ❑ מיט אפשר א האר גערוקט פון דער פלאץ וואס ער איז פריער געווען
- ❑ אפאר טויזענט מייל ווייט פון וואו ער איז פריער געווען

**ח. וואס זאגט אונז דער רבי האט מען אים געוואוזן מיט דעם?**
- ❑ אז א צדיק קען אנקומען צו היכע וועלטן
- ❑ אז עס איז זייער טייער יעדע ריר וואס א מענטש רירט זיך אויף דער וועלט פארן אויבערשטן
- ❑ עס איז זייער טייער דאס וואס דער צדיק גייט אין די היכע וועלטן

**ט. ווער וואוינט אין די צוויי פאלאצן?**
- ❑ איןביידע וואוינען קנעכט
- ❑ אין ביידע וואוינען קעניגן
- ❑ אין איינע וואוינט א קעניג אין איינע א קנעכט

**י. איז דא א חילוק צווישן די צוויי פאלאצן?**
- ❑ זיי זעען אויס די זעלבע
- ❑ באמת איז דא גרויסע חילוק צווישן זיי ביידע
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. דורך וועלכע מצווה זאגט אונז דא דער רבי, איז מען זוכה צו וויסן די חילוק צווישן זיי?**
- ❑ ציצית
- ❑ תפילין
- ❑ פדיון שבויים

**יב. וואספארא סגולה זאגט דער רבי אויף פאקין ר״ל?**
- ❑ מ׳מאכט א באד פאר די קינד מיט קרייד און דריי מאל אזויפיל זייף
- ❑ מ׳מאכט א באד פאר די קינד מיט זייף און דריי מאל אזויפיל קרייד
- ❑ מ׳מאכט א באד פאר די קינד מיט קרייד און צוויי מאל אזויפיל זייף

**יג. פון וואס איז געקומען די קרענק ביז א סכנה ר״ל?**
- ❑ פון נישט א קלארע לופט
- ❑ פון געוויסע עסן
- ❑ פון חטא העגל

**יד. וואס זענען די צעהן קאפיטלאך תהלים וואס ווערן אנגערופן תיקון הכללי?**
- ❑ ט״ז, ל״ב, מ״א, מ״ב, נ״ט, ע״ז, צ׳, ק״ה, קל״ז, ק״נ.
- ❑ י״ג, ל״ב, מ״א, נ״ב, נ״ט, ע״ז, צ׳, ק״ה, קל״ז, ק״נ.
- ❑ ט״ז, כ״ג, ל״א, מ״ב, נ״ט, ע״ז, צ׳, ק״ה, קל״ז, ק״נ.

**טו. פארוואס איז נישט גוט אראפגעשריבן די מעשה וואס דער רבי האט דערציילט שבת חנוכה?**
- ❑ ווייל דער רבי האט עס דערציילט נאר מיט רמזים
- ❑ ווייל מ׳האט עס נישט גלייך אראפגשריבן
- ❑ ווייל מ׳האט עס לכתחלה נישט קלאר ארפגעשריבן

**טז. וואס לערנסטו זיך פון די ביסל וואס עס שטייט יא אראפגעשריבן?**
- ❑ ווי שטארק מ׳קען זיך מחיה זיין מיט א ספר (כתב פון מלך)
- ❑ ______________________________

**ברוך הנותן ליעף כח ולאין אונים עצמה ירבה - מיט פיל הצלחה**

זַיינֶע תַּלְמִידִים עֶס זָאל זַיין צְווִישְׁן זֵיי אַהֲבַת חֲבֵרִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי מַתַּן תּוֹרָה "וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל" זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רַשִׁ"י כֻּלָּם כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד.

דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן פֶּסַח שֵׁנִי ווֶען סְ'אִיז גֶעווֶען מֶענְטְשְׁן ווֶעלְכֶע זֶענֶען גֶעווֶען טָמֵא אוּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם אוּן גֶעפְרֶעגְט לָמָּה נִגָּרַע? מִיר ווִילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶער פֶּסַח? ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אַ גֶעווַאלְדִיגֶע לִמּוּד פוּן דֶעם.

אַז אַ מֶענְטְשׁ פְּרָאבִּירְט צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אָבֶּער סְ'גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין פַארְשִׁידֶענֶע נִסְיוֹנוֹת, אוֹיב אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ ח"ו נָאר עֶר קוּמְט צוּם צַדִּיק אוּן בֶּעט אִים אַ תִּיקוּן דַאן אִיז מֶען מְגַלֶּה פַארְן צַדִּיק מִן הַשָּׁמַיִם אַז סְ'אִיז דָא דֶער עִנְיָן פוּן פֶּסַח שֵׁנִי, אַז אַלֶעמָאל קֶען מֶען פַארֶעכְטְן אוּן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל שׁוֹין הֶעלְפְן בִּזְכוּת הַתַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי זָאלְן מִיר אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת בְּרַחֲמִים וַחֲסָדִים.



**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**
**קלינג:**
**02-5-3333-72**
**646-518-1095**

**צו מנדב זיין פאר דער גליון לכבוד א שמחה / לע"נ ביטע זיך פארבינדן אויפן טעלעפאן**
**058-323-3287**
L3233287@gmail.com

**צו מנדב זיין פאר דעם ל"ג בעומר גליון לכבוד די חאלאקע פון אייער קינד, ביטע זיך פארבינדן צום מערכת**

המשך פון זייט 1

דער ריינער קוואל